# פרשת ויקהל - פקודי כ"ג - כ"ט אדר תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקהל - פקודי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף למשך זמן ארוך אצל הלויה של **כ"ק הגה"צ רבי יחזקאל ראטה זצ"ל** אב"ד קארלסבורג. בסיום ההספדים ליוה **רבינו שליט"א** כברת דרך את הנפטר הגדול זצ"ל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **ירמיה טעסלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מרדכי מנשה וואלדמאן** הי"ו, שהתקיימה באולם עטרת חי' שרה.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של נכדו החתן **הרב יוסף ראזנער שליט"א**, שנערכה על ידי מתפללי בית המדרש סאמבאטהעלי, לכבודו של חדב"נ **הרה"ג דומ"ץ סאמבאטהעלי שליט"א**.

שמחת השבע ברכות התקיימה ברוב פאר והדר באולם פרדס פיגא. בשמחת השבע ברכות השתתף **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א** (וומסב"ג), שרקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **רבינו שליט"א**.

*

***יום שני פרשת ויקהל - פקודי***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **מרדכי אליעזר יואל פאשקעס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש פאפא.

בשעות אחר הצהרים התקיימה סעודת שבע ברכות מיוחדת על ידי תלמידי ישיבתינו הק', שנערך בהיכל בית מדרשנו.

בסעודת השבע ברכות נשמעו דברים על ידי הרב **פישל לעווי שליט"א** (מנהל ישיבה קטנה). אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון 'דברי תורה'). בסיום הדברות הקודש נשמעו דברי בדחנות מאת הר"ר **שלום אליעזר דים** הי"ו. - אחר ברכת המזון חילק **רבינו שליט"א** תעודות לתלמידי הישיבה קטנה שנבחנו על מסכת גיטין שלמדו בשנה שעברה.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **חיים מאיר ווייזער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה יהודא לעבאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

בשעות הערב התקיים שמחת שבע ברכות בהשתתפות ראשי ועסקני מוסדותינו הק'. השבע ברכות נערכה בהוד ותפארת באולם קראסנא (וומסב"ג).

בסעודת השבע ברכות נשמעו דברים ע"י **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**, והר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, שהרחיבו לדבר בגודל מעלת המשתתפים שזוכים לעמוד תמיד לימין **רבינו שליט"א**, ולשאת בעול בכל המצטרך בהרחבת גבולי הקדושה בקרב קהלתינו ומוסדותינו הק'. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום השבע ברכות נשמעו דברי בדחנות ע"י הר"ר **אלי' שווייצער** הי"ו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** וויל באגריסן אלע וואס זענען געקומען זיך משתתף זיין אין די שבע ברכות פון מיין חשוב'ן אייניקל רבי יוסף זאל זיין געזונט. וואס אין איינוועגס איז דאס א מסיבה פון הכרת הטוב, פאר די אלע וואס זענען נושא בעול ביי אונזער ציבור, הן אין שול, אין קהל, און די מוסדות. אין יעדע ביזנעס מאכט מען פון צייט צו צייט א מסיבה פאר די אלע מיטארבייטערס צוזאמען. מיר זענען אלע שותפים אין איין גרויסע קאמפאני וואס געהערט פארן רבונו של עולם. מיר האבן איין בעל הבית, און מיר אלע ארבעטן פאר אים. יעדער איינער, מיט דעם וואס דער אייבערשטער האט אים צוגעשטעלט וואס ער קען טון פאר עבודת הקודש. וכל העוסקים עם הציבור, זאגט די משנה (אבות ב-ב), יהיו עוסקים עמהם לשם שמים, וואס מען טוט פארן ציבור דארף מען טון פארן אייבערשטען'ס נאמען, עס זאל נתקדש ווערן שם שמים.

**אין** חז"ל (סנהדרין צט:) שטייט, אשרי מי שעמלו בתורה, וואויל און גליקליך איז פאר דעם וואס זיין עמל איז אין תורה. וואס פשוט פשט איז, וואויל איז פאר די וואס זענען זוכה צו זיצן באהלה של תורה. אבער עס ליגט אויך דערין, אפילו מען קען נישט זיצן אין בית המדרש, דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט אז דיין וועג פון פרנסה איז אויסערן

בית המדרש, אבער עס קען זיין צוויי ערליי סארט פרנסות. עס קען זיין א פרנסה וואס א מענטש ארבעט פאר גוים, וואס עס איז נישט דא קיין סאך תועלת אין די ארבעט. עס איז אבער דא א מענטש וואס זיין עמל איז פאר תורה. אפילו ער קען נישט עוסק זיין בתורה, אבער זיין עמל וואס ער גיט אוועק, גיט ער אוועק פאר תורה. דארף ער דאנקן דעם אייבערשטען, וואיל איז מיר אז איך בין עמלו בתורה, אז מיין ארבעט וואס איך ארבעט א גאנצן טאג, גייט אוועק פאר תורה. עס איז דא אזעלכע וואס זייער פרנסה איז עפעס אנדערש, און פון דעסטוועגן דאך געבן זיי אוועק זייער פרייע צייטן פאר בויען תורה. און חלק כחלק יאכלו, סוף כל סוף ער טוט זיין ארבעט פארן אייבערשטן'ס וועגן.

**ווען** איך האב חתונה געהאט, בין איך געווארן אן איידעם אין מאנטריאל, ביי מיין שוויגער די וואדקערט'ער רביצין. זי איז געווען אן אלמנה, דער שווער איז אוועק יונגערהייט, און ער האט איבערגעלאזט צוויי קינדער, מיין רביצין איז געווען די עלטסטע, און נאך א זון וואס איז שוין געבוירען נאך זיין פטירה, ער הייסט שוין נאך מיין שווער. מען קען זיך פארשטעלן ווי אזוי מען האט זיך געפלאגט אמאל, ער איז נאך אוועק אין אונגארן, און מען האט געדארפט ארויסקומען פון דארט אויף אמעריקא, און מען האט געזוכט א פלאץ וואו מען קען אנקומען, ביז נאך יארן איז מען אנגעקומען אויף קאנאדא, פאר זיך אליין אן משפחה. מיין שוויגער האט געהאט איין שוועסטער וואס איז געבליבן נאך די קריג, איר מאן איז געווען א חשוב'ער יוד, א בעל הבית, ער האט געהייסן ר' צבי יהודא קיסנער ז"ל, ער איז געווען א תלמיד חכם, א אפגעהיטנער יוד, א תלמיד פונעם ויגד יעקב. זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער, און זיי האבן אריינגענומען מיין שוויגער אין שטוב מיט די קינדער, און ערצויגן די קינדער ביי זיך אין שטוב.

**ווען** עס איז געקומען חתונה צו מאכן די קינדער, האט ער געזאגט פאר מיין שוויגער, אז ער איז גרייט צו געבן אלעס וואס ער האט, מען זאל זוכן א שידוך וואס איז צוגעפאסט פאר די טאכטער. מען האט געזוכט א רבנישע משפחה, עס זאל זיין מין במינו, און געלט זאל נישט זיין קיין עיכוב אויף קיין שום זאך. וכן הוה, מען האט אנגעטראגן דעם שידוך, עס איז געווארן, און ער האט צוגעזאגט א גרויסן נדן, איך זאל קענען זיצן און לערנען א פאר יאר. א השגה פון א בעל הבית, נישט פארן אייגן קינד. ער האט נישט פארמאגט וואס ער האט געגעבן, אבער ער האט געוואלט דעם שידוך, האט ער געבארגט געלט כדי ער זאל קענען צאלן וואס ער האט זיך מתחייב געווען. ער האט אוועקגעגעבן אלעס וואס ער האט געהאט פאר דעם שידוך, און נאך צוגעבארגט געלט אויך דערצו. ער איז אוועק צוויי יאר נאך מיין חתונה, אזוי יונגערהייט אוועק נעבעך.

**ער** האט געהאט א היימישע רעסטוראנט, דאס איז געווען זיין פרנסה, עס איז געווען כמעט די איינציגסטע היימישע רעסטוראנט אין מאנטריאל. האט ער מיר געזאגט שפעטער, דו זאלסט וויסן, איך האב געליגן געלט כדי איך זאל קענען האלטן ווארט. דעם יאר נאך מיין חתונה איז געווען א עקספא"א האט מען עס גערופן, וואס מען איז זיך דארט צוזאמגעקומען פון די גאנצע וועלט, עס זענען געקומען אסאך יודישע טוריסטן וכדומה. האט ער מיר געזאגט, אין דעם יאר האט מיר דער אייבערשטער צוריקגעגעבן אלעס וואס איך האב געבארגט, דער אייבערשטער האט מיר באצאלט. [דאס איז נאר אן הקדמה פאר די מעשה וואס איך וויל צוקומען].

**ער** האט מיר אמאל געזאגט, אז ער איז געווען אמאל ביים **סאטמאר'ער רב זי"ע**, און דער סאטמארער רב פרעגט אים, וואס איז אייער פרנסה? זאגט ער, איך געב צו עסן פאר יודען. זאגט אים דער סאטמארער רב, נו זענט איר דאך מקיים הכנסת אורחים. עס קומט א גאסט פון ניו יארק און ער האט נישט וואו צו עסן, האט ער וואו צו עסן. זאגט ער, רבי, עס איז נישט אומזיסט, מען באצאלט דערפאר. זאגט ער, אוודאי דארף מען באצאלן דערפאר, טאמער וואלט מען נישט באצאלט, וואלט איר געקענט מאכן הכנסת אורחים נאר א וואך צוויי, עס וואלט זיך דאך אויפגעהערט די הכנסת אורחים, מוז דאך יענער באצאלן כדי די הכנסת אורחים זאל קענען ווייטער אנהאלטן, ממילא וואס איר טוט איז הכנסת אורחים.

**די** יודען אפילו זייער פרנסה איז פונעם ציבור, און זיי באקומען געהאלט דערפאר, פון דעסטוועגן דאך

זענען זיי עוסקים בצרכי ציבור. ווען זיי וואלטן נישט באקומען די געהאלט דערפאר, וואלטן זיי דאך נישט געקענט זיין שפעטער קיין עוסקים בצרכי ציבור. מוז מען זיי געבן געהאלט, אז זיי זאלן קענען ווייטער ממשיך זיין און קענען זיין די עוסקי בצרכי ציבור. און אז מען איז א עוסק בצרכי ציבור באמונה, איז דער געהאלט וואס מען גיט, נישט גענוג באצאלט. מען דארף דאך לעבן, האט מען די געהאלט וואס מען באקומט. אבער דער עיקר זכות איז אוועקגעלייגט, מעלה אני עליכם שכר הרבה כאילו עשיתם, אזוי שטייט אין די משנה, די שכר איז נישט וויפיל עס קומט זיך באמת צו באצאלן פאר אזא עבודת הקודש וואס מען טוט, און עס איז אן עבודה לשם שמים.

*

**מען** זעהט ביים משכן, אז עס איז געווען י"ג נדבות וואס מען האט געדארפט האבן. איינע פון די זאכען וואס מען האט געדארפט האבן איז געווען עורות תחשים. די גמרא (שבת כח:) זאגט, אז דער תחש איז נאר געווען לפי שעה, ווייל מען האט עס געדארפט האבן. דער אייבערשטער האט געוואלט אז דער משכן זאל האבן אויף זיך א עור תחש, שיינע קאלירן, האט ער באשאפן דעם תחש, מען זאל קענען מאכן דערפון די מכסה פון עורות תחשים. תחשים טייטשט רש"י (שמות כה-ה), ססגונא, ששש ומתפאר בגוונין שלו, עס איז א בעל חי וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט אזעלכע שיינע קאלירן, אז ער שפיגלט זיך, ער איז זייער צופרידן, ער איז גוט אויפגעלייגט, ער פריידט זיך און ער רומט זיך מיט זיינע שיינע קאלירן וואס ער האט.

**אונז** ווייס מיר אז שש ומתפאר בגוונין שלו איז נישט פון די שענסטע מידות. און אז דער אייבערשטער דארף א משכן ה', גייט ער באשאפן א בעל חי וואס איז שש ומתפאר בגוונין שלו, און מיט דעם גייט מען בויען א משכן ה'? דער אייבערשטער האט אונז אבער געוואלט לערנען, יא, אז מען וויל בויען א משכן פארן אייבערשטען, דארף מען אסאך מאל זיין שש ומתפאר בגוונין שלו, מען דארף זיך פרייען, מען דארף זיך רומען מיט די עבודת הקודש וואס מען טוט אויף, ווייל אז נישט פארלירט מען די מוט, און מען גייט נישט ווייטער.

**אונזער** קהלה שטייט יעצט ברום המעלה ב"ה, איך מיין אז זייט אונזער קהלה שטייט, איז נישט געווען אזעלכע צייטן ווי אונז האב מיר יעצט. ב"ה דער באשעפער זאל העלפן, נישט נאר עס זאל נישט פארמינערט ווערן, נאר עס זאל נתרבה ווערן, עס זאל ניתוסף ווערן דער שם שמים. הן אין די מוסדות, די ריבוי התלמידים וואס איז דא אין וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, כולם אהובים כולם ברורים. עס ווערן נתחנך אין אונזערע מוסדות, איך האב נישט קיין חשבון, אבער איך מיין איבער צוויי טויזענט יודישע קינדער ווערן נתחנך ביי אונז אין די מוסדות. - דאס איז ענקער קרעדיט! עטץ טוטס דערפאר, עטץ פלאגטס ענק דערפאר, עטץ ברענגטס דאס ארויס, און עס איז ענקער זכות וואס מען טוט.

**ווען** איך בין אריינגעקומען דא אין די זאל, האט מען מיר געוויזן, אז מען האט געמאכט דא אזא טאוועל (ברכת מזל טוב לרבינו שליט"א עם הסימבאל"ס של כל המוסדות וארגונים שע"י קהלתנו הק'). איך האב עס אדורכגעקוקט פון אנהייב ביז צום סוף, און איך האב זיך דערמאנט אין א מעשה. ר' חיים מענדל ע"ה פלעג צו פארציילן, אז עס איז געווען אמאל א יודענע וואס דער מאן איז אוועקגעפארן פאר פרנסה וועגן, און ער האט איר איבערגעלאזט מיט א שטוב מיט קינדער. זי האט נישט געהאט וואס צו עסן, זי האט זיך זייער געפלאגט מיט די קינדער, האט זי געוואלט שרייבן א בריוו פאר איר מאן, אראפלייגן איר מצב וואס עס איז. אבער זי האט נישט געקענט שרייבן, האט זי גערופן א שכן און זי זאגט אים, איך וויל שרייבן א בריוו פאר מיין מאן, און זי בעט אים, אז זי וועט פארזאגן וואס ער זאל שרייבן, און ער זאל עס אראפשרייבן. און זי הייבט אן אויסצופאקן איין צרה, א צווייטע צרה, א דריטע צרה, און אזוי ווייטער, און ער האלט אין איין שרייבן. ווען מען האט געענדיגט דעם בריוו זאגט די יודענע, ליין עס מיר איבער, איך וויל וויסן צו דו האסט עס גוט געשריבן. האט ער אנגעהויבן פארצוליינען דעם בריוו, און ער האלט אינמיטן ליינען, און זי ברעכט אויס אין א געוויין. פרעגט ער איר, וואס איז געשעהן, איך האב נאר געשריבן וואס דו האסט מיר געזאגט? רופט זי זיך אן, איך האב אליין נישט געוואוסט אויף וואס פארא צרות איך בין. יעצט ווען איר ליינט עס, ווער איך געוואר אויף וואס פארא צרות איך בין...

**איך** האב אליין נישט געוואוסט מיט וואס איך דארף זיין שש ומתפאר. די אלע וואס זענען דא, האבן א חלק דערין. מען זעהט ב"ה אז מען טוט, טוט מען אויף. ב"ה מען בויט, ר' שמואל דוד זאל זיין געזונט האט נישט ליב ווען מען רעדט פון אים, אבער איך רעד נאר דא צווישן די וואס ווייסן ממילא. מען האט די לעצטע פאר יאר געבויט בנינים וואס די קהלה האט נישט געבויט יארן לאנג! סיי אין קעמפ, א בית המדרש אין קעמפ, א מקוה אין קעמפ. אין ישיבה גדולה בויט מען יעצט, די מיידל שול וואס מען בויט יעצט. און עס געשעהנט נישט פון זיך אליין, די אלע וואס טוען דערין האבן א געוואלדיגען זכות, א זכות וואס בלייבט לעולמי עד, ביז משיח וועט קומען. אונז זעה מיר שוין קיין אנדערן גלות וואו מען וועט אוועקגיין פון אמעריקא, כלל ישראל וועט בדרך הטבע בלייבן דא ביז משיח וועט קומען. און די לימוד התורה, די חינוך פון בנים ובנות וואס ווערן נתחנך, איז לזכות פון די וואס טוען דערין. אפילו עס קומט אן שווער, נישט אייביג איז עס גרינג, פון דעסטוועגן דאך דארף מען זיין שש ומתפאר בגוונים. איך טוה פאר יודישקייט, איך טוה פארן אייבערשטען, איך טוה מרבה זיין כבוד שמים, דאס דארף געבן מוט צו קענען אנגיין ווייטער. דאס איז געווען די עורות תחשים וואס מען האט אריינגעלייגט אינעם משכן, ששש ומתפאר בגוונים שלו, מען דארף זיך רומען ומתפאר זיין, איך שלאף נישט, איך ארבעט נישט פאר קיין גוים, איך ארבעט פארן אייבערשטען, פאר תורה. און ב"ה עס וואקסט תורה, און זיך פרייען מיט די ארבעט וואס מען איז זוכה צו טון.

*

**און** מען האט פריער געהערט, אז עס איז דא אויף דעם א עקסטערע ברכה פון גאנץ כלל ישראל בכל מקום שהם, יעדער יוד וואס איז עוסק בצרכי ציבור באקומט א ברכה וואס די גאנצע וועלט בענטשט אים יעדן שבת, וכל העוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם, ויסיר מהם כל מחלה, וירפא לכל גופם, ויסלח לכל עונם, וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם.

**מען** זאגט אז די וואס זענען עוסקים בצרכי ציבור באמונה, הקב"ה ישלם שכרם, ויסיר מהם כל מחלה, וירפא לכל גופם. מען זעהט א מענטש ביי זיך אינדערהיים, איז ער מקפיד אז אלעס זאל זיין געהעריג מסודר. ער וועט נישט לאזן א זאך וואס זאל זיין צעבראכן. ווען א זאך וועט ליגן אויף די פלאר, וועט ער עס אויפהייבן. ווען א זאך וועט נישט זיין אויפן פלאץ, וועט ער עס אוועקלייגן. אז ער וועט עס נישט טון אליין, וועט ער זאגן פאר די בני בית מען זאל עס טון, ער וועט זאגן די קינדער זאלן עס טון. אויב ער וועט זעהן אז עס ליגט נאך א טאג, צוויי טאג, דריי טאג ליגן נאך אלע זאכן אויף די פלאר, און די לעקטער האט מען נאך געטוישט, און א צווייטע זאך האט מען נאך נישט געפיקסט וכדומה, דאס נעמט אים ארויס פון די כלים, איך האב שוין געזאגט איין מאל, צוויי מאל, פארוואס טוט מען נישט? עס איז זיין הויז, ער קען עס נישט דולדן.

**ווען** ער קומט אריין אין א בית המדרש, און עס ברענט נישט די לעקטער, נו ברענט נישט. עס שמעקט אים טאקע נישט די ערשטע מינוט ווען ער זעהט עס, אבער עס איז גוט אזוי אויך. עס איז דא א גלעזל אויף די פלאר, זאל זיין, עס איז דאך נישט זיינס, עס איז דאך יענעמס. אבער ווען א מענטש ווייסט אז די צרכי ציבור איז נישט יענעמס, עס איז מיינס, עס איז כבוד שמים. וואס איך טו, טו איך פארן אייבערשטענס וועגן. אז מיין שטוב דארף זיין ריין, דארף דאס בית המדרש אויך זיין ריין, מיין פלאץ וואו איך לערן תורה דארף זיין מסודר, די קינדער דארפן האבן א געהעריגע פלאץ פאר א תלמוד תורה, און די מיידלעך פאר א מיידל שול און אזוי ווייטער, קרענקט אים יעדע זאך וואס ער זעהט אז עס איז נישט מסודר אזוי ווי עס דארף צו זיין, און עס טוט אים וויי.

**ווען** איינער איז נישט קיין עוסק בצרכי ציבור באמונה, ער טוט עס נאר פאר זיין פרנסה, נו מען באצאלט מיר אזוי אויך, וואס גייט מיר אן וואס עס טוט זיך דארט. ווען איינער איז אבער א עוסק בצרכי ציבור באמונה, דער ווערט קראנק פון אלעם ארום און ארום, אז עס ווערט נישט געטון ווי עס דארף צו זיין. און אויף דעם דארף ער האבן א ברכה וירפא לכל גופם, אז דער אייבערשטער זאל אים אויסהיילן, אז עס זאל אים נישט קרענקן די אלע זאכן וואס עס שטערט אים.

*

**די** משנה זאגט, וכל העוסקין עם הציבור יהיו עוסקין עמהם לשם שמים, שזכות אבותם מסייעתן, זכות אבות איז מסייע, ואתם מעלה אני עליכם שכר הרבה כאילו עשיתם, און איך טוה רעכענען פאר ענק אסאך שכר אזוי ווי עטץ האטס עס געטון. אין די מפרשים איז דא פארשידענע פשטים אין זכות אבותם מסייעתם, אויף וועלכע אבותם דאס גייט ארויף. איין פשט איז, אז דאס גייט ארויף אויף די אבותם פון די וואס האבן א זכיה אז זיי זענען פון די עוסקים בצרכי ציבור, זיי האבן א סיוע פון זייערע אבות.

**דער** ברטנורא אויפן פלאץ איז א געוואלדיגע פלא, ער זאגט דארטן צוויי זאכן וואס עוסקים בצרכי ציבור דארפן וויסן. איינס, שזכות אבותם מסייעתם, די וואס גייען נאך געלט, דארפן דאך אמאל יענעם מוטשען, עס קומט נישט אן אזוי גרינג, מען מוטשעט יענעם, און אסאך מאל האט מען רחמנות אויף יענעם, אז ער האט אים אזויפיל געמוטשעט און געבעטן, און יענער האט נישט געהאט קיין ברירה און ער האט צוגעזאגט. זאגט דער ברטנורא, אז דאס איז די טייטש פון די משנה, אז טאמער מען טוט א מענטש צודריקן צו געבן צדקה, און יענער האט עס געגעבן, האב נישט קיין שווער הארץ אויף דעם וואס יענער האט צוגעזאגט ער וועט געבן, שזכות אבותם מסייעתם, זיינע אבות אויבן אין הימל טוען אים צוהעלפן אז ער זאל קענען האלטן ווארט אויף וואס ער האט געזאגט צו געבן. ווען א מענטש זאגט צו א זאך פאר א דבר טוב, זאגט דער ברטנורא, זכות אבותם מסייעתם, דער זכות פון די עלטערן פון די וואס האבן צוגעזאגט, העלפט זיי צו אז זיי זאלן קענען אויספירן וואס זיי האבן צוגעזאגט.

**ואתם** מעלה אני עליכם שכר הרבה כאילו עשיתם, זאגט דער הייליגער ברטנורא, ווען א מענטש איז מעשה יענעם צו צדקה, טוט דער אייבערשטער רעכענען אלע געלטער וואס מענטשן האבן געגעבן פאר צדקה, כאילו ער האט עס געגעבן, און ער באקומט דעם שכר אויף יענע וועלט פאר די אלע צדקות וואס ער האט אריינגעברענגט. אז א מענטש האט אריינגעברענגט א מיליאן דאלער פאר צדקה, באקומט ער א שכר כאילו ער האט געגעבן פון זיין געלט א מיליאן דאלער. מעלה אני עליכם שכר הרבה כאלו עשיתם. - עטץ זענטס גרויסע נגידים, עטץ געבטס יעדעס יאר שווערע טויזנטערס פאר צדקה.

עטץ געבטס נישט, אבער די שכר באקומט עטץ, כאילו עשיתם, אזוי ווי מען האט עס אליין געטון.

**מען** זיצט דאך צוזאמען, דארף מען האבן א ברכה שתשרה שכינה במעשה ידיכם, מען זאל קענען ווייטער אויך אנגיין מיט די עבודת הקודש. נישט צעבראכן ווערן ווען עס מאכט זיך אמאל שווערע זמנים, און אמאל באקומט מען פעטש, און אמאל טוט מען אפזידלען, און מען קען דאך נישט צופרידן שטעלן יעדן איינעם. פון דעסטוועגן דאך, ווען מען ווייסט פאר וועם מען ארבעט, מיר ארבעטן פארן אייבערשטען, מעלה אני עליכם כאילו עשיתם. מען ארבעט נישט אומזיסט, מען זעהט ב"ה די פירות וואו מיר האלטן, וואו ווייט מיר זענען אנגעקומען. ווען נישט ענק וואלט די קהלה אויסגעקוקט אזוי ווי...

**אבער** ב"ה מען טוט, און מען איז מצליח, זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל קענען מצליח זיין, און קענען אויפטון להגדיל תורה ולהאדירה. מען זיצט דאך ביי א שמחה, זאל דער אייבערשטער געבן, עס זאל זיין שמחות אי"ה ביי ענקערע שטובער מתוך שמחה וטוב לבב. מען זאל זיך קענען צוזאמקומען און פרייען זיך שטענדיג איינער מיטן אנדערן'ס שמחה. און מיר זאלן זוכה זיין צו די גרויסע שמחה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת ויקהל - פקודי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמואל בנימין פאללאק** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נקבצו קהל המונים להשתתף אצל שמחת השבע ברכות רבתי שנערך על ידי קהלתינו הק' בהיכל בית מדרשנו הגדול לרגל השמחה הרוממה בחצר קדשינו. השמחה עברה ברוב פאר והדר ובמקהלות עם רב תלמידים וחסידים, שגדשו את היכל הבית המדרש.

בסעודת השבע ברכות השמיע **הגה"צ רבי חיים יהודא דייטש שליט"א** אב"ד חוג חתם סופר פ"ת דברים ערבים

בגודל רוממות יום שמחתינו, שמחת בית צדיקים. אחר פרקי שירה וזמרה בנעימים על ידי מקהלת אברכי אנ"ש, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד שמחת חתן וכלה. עם סיום הדברות קודש נשמעו דברי בדחנות על ידי הר"ר **נחמן לעווי** הי"ו.

בסיום השבע ברכות הגיע **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א** (ק"י), שרקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **רבינו שליט"א**.

אחר ברכת המזון רקד **רבינו שליט"א** ריקודים מיוחדים עם החתן והמחותנים למשך זמן, אחר כך עברו הקהל לקבל כוס של ברכה, ולברך ולהתברך לרגל השמחה.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**אודה** ה' מאד בפי, איך דאנק דעם אייבערשטען אסאך מיט מיין מויל, ובתוך רבים אהללנו, און איך טו אים דאנקען בתוך רבים (תהלים קט-ל). א יוד דארף שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטען. און אז ער קען עס ארויסברענגען בתוך רבים, איז דא א עקסטערע חיוב אז מען זאל עס מהלל זיין בתוך רבים. עס קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א כוונה.

**בשעת** א יוד מאכט א שמחה, און ער פרייט זיך אז דער אייבערשטער האט אים מזמין געווען א דבר טוב, און ער איז גוט אויפגעלייגט מיט שמחה, און ער דאנקט דעם אייבערשטען. דאנקט ער נישט דעם אייבערשטען נאר אויף די שמחה אליין וואס ער שטייט יעצט דערין, נאר ער מאכט א חשבון אויף אלע זיינע יארן וואס זענען אדורכגעגאנגען ביז ער איז צוגעקומען צו די שמחה. א יוד דארף שטענדיג געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, אז דער אייבערשטער האט אים געהאלפן אז ער איז געזונט, און ער דערלעבט, און ער זעהט שמחות און נחת. וויפיל דאנק קומט פארן רבונו של עולם, על כל נשימה ונשימה תהלל י-ה. און וואס מען ברענגט ארויס ביי א שמחה א הילול פארן אייבערשטען, איז דאס נאר א קלייניגקייט פון וויפיל הונדערטער און טויזנטער הילול און שבח והודאה וואס ליגט אינעם הארץ, וואס ווערט נכלל אין דעם וואס מען גיט עס ארויס ביי א שמחה.

**האט** דוד המלך געזאגט, אודה ה' מאד בפי, איך דאנק דעם אייבערשטען זייער אסאך מיט מיין מויל. אבער וואס איך דאנק מיט מיין מויל, איז נאך דא אסאך רבים וואס ליגט אינוויינינג אינעם מענטש, וואס ליגט אין דעם הילול. עס איז נאר 'ובתוך רבים'. עס איז אסאך מער וואס עס ליגט אינוויינינג אינעם הארץ, פון וואס מען גיט ארויס. א מענטש קען אבער נישט טון מער פון וויפיל ער קען מהלל זיין, דאנקט ער שטענדיג, און ער לויבט דעם אייבערשטען אויף אלע חסדים ורחמים וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש. (המשך הדברי תורה נדפס בגליון 'דברי תורה').

*

***יום רביעי פרשת ויקהל - פקודי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל שבע ברכות האחרון שנערכה על ידי המחותן שליט"א בבית בנו הרב **פישל פאללאק** שליט"א, ונשא מדברותיו (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון 'דברי תורה').

אחר השבע ברכות ביקר **רבינו שליט"א** במוסד 'מכון לב' בהנהלת הר"ר **פרץ אבערלאנדער** הי"ו. רבינו שליט"א עבר בכל חדרי הבנין, וקבע מזוזה בפתח השער. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, ביחד עם מחותנו **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**. בסיום הביקור האציל **רבינו שליט"א** מברכותיו, באלו הדברים: מען געפונט אין די פרשה די וואך, ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, אלעס איז שוין געווען פערטיג, אבער מען האט עס נישט געקענט אויפשטעלן. און מען איז געקומען צו משה רבינו, און משה רבינו האט אויך נישט געקענט, אבער הוקם מאליו. ער האט צוגעלייגט א האנט, און עס איז געווארן. די תורה לערנט אונז, אז עס איז דא אמאל וואס א מענטש קען אלעס צוגרייטן, עס קען זיין זהב, כסף, ונחושת, און קרשים, מען דארף אבער האבן איין מענטש וואס ער זאל עס קענען אויפהייבן. און דער מענטש באקומט כוחות פונעם אייבערשטען, עס איז הוקם מאליו. רבי פרץ איז דער מענטש וואס האט אלעס צוגעגרייט, דער באשעפער זאל געבן כח ווייטער אויך, עס זאל האבן א קיום אויף ווייטער. משה רבינו האט זיי געבענטשט, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, עס זאל זיין דא א השראת השכינה, מען זאל קענען אויפשטעלן יודישע שטובער, וואס

איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, מתוך שמחה וטוב לבב.

*

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב נערך שמחת התנאים לנכדת מרן **רבינו שליט"א**, בת חדב"ן **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א), עב"ג החתן המופלג בתוי"ש הרב **משה יעקב** שליט"א, בן **הרה"ג רבי ישראל פינטער שליט"א** (בן הגה"צ רבי אברהם פינטער זצ"ל אב"ד בוקאווסק (לאנדאן), חתן הגה"צ רבי יחיאל גרינוואלד זצ"ל אב"ד טעטש), שהתקיימה ברוב פאר והדר בבית מדרשנו תפארת יהושע (מאנסי), בהשתתפות הרבנים הגאוה"צ קרובי ומחותני המשפחה שליט"א.

אחר הריקודים ושתיית לחיים נשמעו דברי תורה מאת הרב **בנציון הלברשטאם** שליט"א (דוד החתן), ומהסב **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**. לאחר מכן סידר **רבינו שליט"א** את שטר התנאים, וקרא את שטר התנאים. לאחר שבירת הצלחת פרצו כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין למשך זמן. אחר הריקודין השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון 'דברי תורה').

במשך התנאים עברו מאות אנ"ש לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א. ויהא רעוא שמשמחה זו יושפע שמחה ורב טוב לנו ולכל בני ישראל.

*

***יום חמישי פרשת ויקהל - פקודי***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ישעי' קיש** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק וניחם האבלים אצל משפחת הר"ר **משה דוד קיש** ע"ה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג זצ"ל**.

***וזה תוכן השיחה:***

**בנו מ"מ הרה"ג רבי משה שליט"א גאב"ד קארלסבורג:** דער רב פלעגט צו קומען באזוכן חול המועד. איך בין אויך געווען מיטן טאטן ווען ער איז געקומען באזוכן דעם רב אין די קעמפ. איך געדענק אז ער האט דעמאלטס געזאגט פאר די בחורים, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה (דברים י-יב), די גמרא (ברכות לג:) פרעגט, אטו יראה מילתא זוטרתא, אין לגבי משה יראה מילתא זוטרתא. האט ער געזאגט פאר די בחורים, אז 'משה' מיינט די תורה, יעדער קען זיין א בחינה פון משה.

איך געדענק מען האט גערעדט מיטן טאטן, צו א כהן קען אריינגיין אין מירון, מען האט גערעדט וועגן דעם זיידן דער **שאמלויא'ער רב** (שהורה לנכדו **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** ליכנס לציון הרשב"י ולשאר קברי תנאים בארה"ק).

**רבינו:** וואס פלעגט ער אליין זאגן פארן עולם?

**בנו הרה"ג רבי ברוך דוד שליט"א אב"ד מראה יחזקאל:** ער איז געווען א תלמיד פונעם רב'ן, און דער רבי האט נישט געלאזט.

**בנו גאב"ד קארלסבורג:** עס איז געדרוקט אין גליון, איינער האט געפרעגט ביים שיעור, האט ער געזאגט, אז עס איז דא צוויי זאכן. איינס, אז עס איז געווען געבויט מיט א פותח טפח. און נאכדעם אלץ רבי שמעון האלט קברי צדיקים אינם מטמאין, אזוי האט דער שינאווער רב געזאגט (נדפס **בדברי יחזקאל** עה"ת בסופו תשובה ל"ז). לעצטענס האט ער געגעבן אפאר שיעורים אין כולל, און ער האט געשריבן אינעם גליון, אז היינט איז עס שוין א רשות הרבים. איז עס א ספק טומאה ברשות הרבים וואס איז טהור, איז ממילא אפילו די וואס האבן פריער געהאלטן אז מען טאר נישט אריינגיין, אבער היינט איז שוין אנדערש[א].

---

[א] נצטט כאן מתוך שיחה בעת ביקור **רבינו שליט"א** אצל **כ"ק הגה"צ מקארלסבבורג זצ"ל** ביום ג' פרשת קדושים תשע"ו לפ"ק:

**גאב"ד קארלסבורג:** איך בין אמאל געפארן מיט אייער טאטן זצ"ל צוזאמען וועגן עפעס אן ענין, האט ער מיר געזאגט, אז ער איז געווען אמאל מיטן **שאמלויער רב זצ"ל** אין ארץ ישראל [בשנת תרצ"ה], און ער איז אריין צו די בית הלל, און ער האט אים גארנישט געזאגט, ער האט אים נישט געשטערט.

וואס קענען מיר וויסען, עס איז אוודאי נישט מטמא, איך זאג נישט אז איך בין מתיר פאר כהנים, אבער איך האב היינט געקלערט צו זאגן אביסל מער היתר וואס קען זיין היינט. עס איז אזוי, דער אהל דארט איז געווען אמאל א רשות היחיד, היינט איז עס געווארן א רשות הרבים, מען קען טרעפן דארט מענטשען אפילו שפעט ביינאכט, שטענדיג זענען דא מענטשען דארט, מען גייט ארויף און אראפ, עס איז א עכטע

**בנו אב"ד מראה יחזקאל:** איך געדענק אז ווען ער האט געדאווענט פארן עמוד אין מירון, ווען עס איז געקומען צום דוכענען האט ער נישט געוואלט משום כבודו של רבו, ער האט געבעטן אז א צווייטער זאל פארזאגען יברכך. קען זיין אז לעצטענס יא, אבער אזוי געדענק איך איינמאל.

**רבינו:** דער שאמלויא'ער רב האט געהאלטן אז מען קען גיין אלץ קברי צדיקים.

**בנו גאב"ד קארלסבורג:** דער טאטע האט געזאגט אמאל א בחינה אויף עמדו ואשמעה מה יצוה ה' לכם (במדבר ט-ח), אז עס שטייט אין תוספות (כתובות קג:) אז רבי חיים כהן האט געזאגט, אלמלי הייתי כשנפטר רבינו תם הייתי מטמא לו. האט ער געזאגט, אז עס מוז זיין ביידע. עס מוז זיין קברי צדיקים אינם מטמאין, אז דער נפטר דארף זיין א צדיק, און דער וואס קומט אריין דארף אויך זיין א צדיק, ווייל טאמער ער איז נישט אזוי, אפילו דער חי, קען אפשר פון זיינע פגמים האבן א אחיזה דארט. רבי חיים כהן האט נישט געזאגט, אילו הייתי שם הייתי מתיר לכל הכהנים, נאר אלמלי הייתי שם 'הייתי' מטמא. האט דער טאטע געזאגט, זיי האבן געזאגט, אז משה רבינו איז דאך געווען מיט די עצמות יוסף, און נדב ואביהוא זענען טאקע געווען צדיקים, אבער עמדו ואשמעה מה יצוה ה' 'לכם', צו עטץ זענטס אויך צדיקים. ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם, עטץ זענטס נישט אין די בחינה. אזוי האט דער טאטע אמאל געזאגט.

ער האט א תשובה אין **עמק התשובה** (ח"ו סימן כ') וועגן כהנים וואס דוכענען. עס זענען דא כהנים וואס זענען אינדרויסן, און עס איז דא כהנים וואס זענען אינווייניג. אמאל איז דא וואס עס זענען נישט דא אינווייניג נאר אויף די מרפסת כהנים, און מען האט געעפנט די טיר. טאמער מען דאווענט אינווייניג, צו מען קען דוכענען. האט ער געזאגט אזוי, איז דא כהנים אינווייניג, ווערן זיי נמשך, קענען זיי אויך דוכענען. אבער טאמער עס איז נישט דא כהנים אינווייניג נאר אינדרויסן, קען מען נישט. - יעצט ביי קאראנע איז געווען די שאלה מצוי.

**אב"ד סאטמאר וומסב"ג:** ווען מיין טאטע זאל זיין געזונט איז געווען שבת אין מירון, איז געווען א שאטער פאר אלע מענטשען, און מען האט אויך געמאכט א שאטער פאר כהנים עקסטער, איז אויך געווען די שאלה צו די כהנים קענען דוכענען צום ציבור, ווייל עס איז געווען אביסל אפגעטיילט, און אביסל אפען פון דער זייט. למעשה האט מען געדוכנ'ט.

**בנו גאב"ד קארלסבורג:** עס ווענדט זיך אויך צו עס איז דא פצימין, און צו זיי אליין זענען א מנין.

**רבינו:** ווילאנג דער טאטע האט געוואוינט אין ארץ ישראל, איז ער אויך געגאנגען קיין מירון?

**בנו גאב"ד קארלסבורג:** ער איז געגאנגען, אבער נישט ספעציעל.

ווען ער איז געווען א בחור, איז דער רבי ז"ל געפארן אויף די מקומות הקדושים, האט ער געזאגט מען זאל מיטנעמען יחזקאל'ע, ער זאל האבן מיט וועם צו שמועסן אין לערנען אויפן וועג. מיין טאטע פלעגט אסאך רעדן פון די נסיעה ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן. ער האט געזאגט אז עס איז געווען א חידוש, אז עס איז געווען אין די דריי וואכן, און דער רבי האט געמאכט א רקידה בר יוחאי, אין די ניין טעג. לעצטענס האט מיך א יוד געפרעגט, אז ער איז אין די יאר, און ער פארט יעדע'ס יאר ל"ג בעומר, און מען טאנצט מיט מוזיק, צו ער זאל פארן.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בהיכל בית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **מרדכי צבי** (ב"ר **יצחק שרגא**) **גראס** הי"ו, עב"ג בן הרב **בעריש סעמיועלס** שליט"א, שהתקיים באולם אונסדארף. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו לכבוד

---

רשות הרבים. ספק טומאה ברשות הרבים איז טהור (ע"ז לז:), נו, עס איז דאך א ספק וואו ער ליגט פונקטליך, אויף זיכער ווייסט מען דאך נישט, איז דאך עס א ספק, און ביי ספק טומאה ברשות הרבים מעג א כהן אריינגיין.

**רבינו:** עס זענען דא וואס האלטן אז לגבי כהונה נוצט נישט דער ספק טומאה ברשות הרבים, נאר לגבי טומאה וטהרה (עיין **בחידושי הצל"ח** ברכות יט. ד"ה ורוב ארונות, **מנחת חינוך** סוף מצוה שס"ג, **שו"ת אחיעזר** ח"ג סימן ס"ה סק"ו, **שו"ת דובב מישרים** ח"ב בסופו, **שו"ת מנחת יצחק** ח"א סימן ל').

**גאב"ד קארלסבורג:** איך בין נישט מתיר נאר וועגן דעם, נאר אזוי ווי מען ווייסט נישט, דער זאגט אז עס איז דא, און דער זאגט אז עס איז דארטן, איז עס א שטיקל ספק (ועיין עוד בזה בספרו **שו"ת עמק התשובה** ח"ח סימן פ"ו, לענין טומאת כהנים באוירון שיש בהם ארונות של מתים).

השמחה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי שמחה.

אחר כך השתתף אצל החתונה של החתן **אהרן** נ"ו בן הר"ר **יעקב תנחום פירסט** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב קאפל גלאנץ** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***שבת קודש פרשת ויקהל - פקודי***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **יחזקאל שרגא כ"ץ** הי"ו.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **בנימין אליעזר לעבאוויטש** הי"ו, חתן הר"ר **חיים מאיר ווייזער** הי"ו.